בס"ד

שבת מברכים ניסן | ר"ח יום חמישי | המולד יום רביעי 16:34 | 13 חלק'

שבת מברכים

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

שבת החודש

## ויקהל פקודי

כ"ה אדר תשפ"ו

☜ די ציַיטן לויט אופק ירושלים ☞

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:10 |
| מוצש"ק | 6:24 |
| ר"ת | 7:03 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:04 | סוז"ת א' 9:19 |
| סוזק"ש ב' 8:47 | סוז"ת ב' 9:47 |

גליון מס': קע"ז

שנה ד'

## טיב הפרשה

# וכל-חכם-לב בכם יבאו ויעשו את כל-אשר צוה ה'

## געבויט די משכן מיט ריינע כוונות

אין די וואכעדיגע פרשה לערנען מיר דער סדר ווי אזוי מען האט געבויט די משכן.

דער פסוק זאגט אז נישט יעדער האט געקענט בויען די משכן. צו זיין פון די בויער פעלט זיך אויס אז די אידן זאלן זיין 'חכמי לב' און ווי עס איז דער לשון הפסוק 'וכל חכם לב יבאו ויעשו כל אשר צוה ה'', אז די חכמי לב פון כלל ישראל זאלן קומען און אויספירן די עבודה פון די משכן.

עס איז זיכער אז מ'האט געדארפט האבן 'חכמי לב' כפשוטו, אבער דא ליגט אויך א טיפערער דערהער. בנוסף צו די פשוט'ע חכמת לב האבן זיי אויך געמוזט 'חכמי לב' וואס זאלן זיין באקאנט אין די צירופי השמות, ווי אזוי מען בויט א בית ה', אן ארט וואו די שכינה גייט שורה זיין אין איר, ווי דער פסוק זאגט [משלי כ"ג] תנה בני לבך לי.

יעדע פרט אין די עבודה פון די משכן האט געדארפט ווערן געמאכט בלתי לה' לבדו, מיט א ריינקייט, אז נישט האט הקב"ה נישט געקענט משרה זיין שכינתו צווישן אידן.

נישט נאר די געבויערייַ פון די משכן האט געדארפט זיין 'בלתי לה' לבדו', נאר אויך די נדבות וואס אידן האבן תורם געווען פאר די משכן האבן געדארפט געברענגט ווערן מיט א ריינע כוונה, בלתי לה' לבדו.

מען זעט אז די נדבות אין משכן האט כלל ישראל געברענגט צופרי, ווי דער פסוק זאגט אין די פרשה [לו, ג] והם הביאו עוד נדבה בבוקר בבוקר.

אין די צופרי שעה'ן איז נאך דער מענטשליכער קאפ רואיגער, ער איז נאכנישט אזוי טרוד, זיין קאפ איז ריינער, ער קען ברענגען לשמה, די לשם ה' איז שטערקער. פון דעם זעט מען אויך אז עס האט געדארפט זיין בלתי לה' לבדו.

עס האט געדארפט זיין אזוי ביי די מעשי המשכן, אבער אויך אין יעדער זאך דארף עס זיין אזוי, ווייל נאר א ריינע זאך האט א שלימות'דיגע עֲלִיָּה למעלה. אויב די זאך איז מיט זייטיגע כוונות וועט עס נישט עולה זיין למעלה, ווי דער זוה"ק זאגט [תיקוני זוהר תיקון י' דף כה] אוֹרַיְתָא בְּלָא דְחִילוּ וּרְחִימוּ לָא פָּרְחַת לְעֵילָּא.

די הארבקייט נעמט זיך פון דעם אז ווען א זאך ווערט געמאכט שלא לשמה פעלט עס אין די שלימות המצוה און אויך אין די מטרה פון די מצוה. דער רבוש"ע האט געגעבן פאר אידן מצוות נישט נאר אז זיי זאלן עס מקיים זיין, נאר ווייל ער וויל אז דער איד זאל זיך הייליגן און ווערן הייליגער דורך די מצוה, און אז די קאפ איז נישט דא, נאר די הענט מאכן די מצוה, איז די מטרה נישט דא.

א באוויז איבער די חשיבות פון די מצוה מיט כוונה קען מען ארויסלערנען פון די כוחות וואס דער בעל דבר פארלייגט אז א איד זאל נישט האבן די קאפ און די מח ווען ער מאכט א מצוה. ער לאזט דער איד מאכן די מצוה מיט די הענט, אבער ער רויבט צו די קאפ, עס פליט ארום אין אלע זייטן, אין זיינע געשעפטן, ער איז בכלל נישט דאהי, און דאס איז גורם אז די מצוה זאל זיין פעלעריג,ליידער.

איך האב לעצטענס געהערט אן אינטערעסאנטע מעשה פון א גוי וואס געבט אביסל אראפ דער געדאנק. עס האט זיך געמאכט אז א גרופע מענטשן האבן געווארט אז א באן זאל אנקומען. ווארטנדיג אזוי איז א קינד אריינגעפאלן צווישן די שינעס.

## טיב המערכת

### אַן עצה צו שִׁפְלוּת

עס איז אמאל געווען א מעשה מיט א תלמיד חכם וואס איז געווען זייער שארף אין לערנען, און ער האט זיך אויפגעהאלטן אינעם הויז פון הרה"ק רבי מיכל זי"ע, תלמיד פון הרה"ק רבי מרדכי לעכוויטשער זי"ע. וויבאלד ער איז געווען א תלמיד חכם, פלעגט רבי מיכל אפט רעדן מיט אים אין די פארוויקלטע און קאמפליצירטע ענינים פון ש"ס. איינמאל, אינמיטן דורכטון א שווערע סוגיא, האט רבי מיכל געפרעגט א שווערע קשיא, און דער חריף האט נישט געהאט קיין ענטפער דערויף, און נאר דריי טעג דערנאך האט ער געלאזט וויסן פאר רבי מיכל, אז ער האט שוין אן ענטפער אויף זיין קשיא, און ער האט טאקע וואונדערליך פארענטפערט די קשיא בטוב טעם ודעת.

ווען ער האט געענדיגט אראפלייגן דעם תירוץ, האט אים רבי מיכל געפרעגט וויפיל צייט עס האט אים גערויערט ביז ער האט זוכה געווען צו דערגרייכן דעם וואונדערליכן ענטפער, האט ער אים געענטפערט אז דורכאויס די גאנצע דריי טעג, פון ווען רבי מיכל האט אים געפרעגט די קשיא, האט ער זיך געפלאגט איבערמידליך דאס צו פארענטפערן, און נאר נאך די דריי טעג האט ער זוכה געווען אז דער זאך איז אים קלאר געווארן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

האט אים רבי מיכל געזאגט: אבער איך, ווען איך בין געווען א דרייצן יעריג בחור'ל, האב איך שוין געענטפערט אויפן זעלבן קשיא דעם זעלבן תירוץ וואס דו האסט מיר יעצט געענטפערט, און עס האט מיר נישט גערויערט דריי טעג, נאר גלייך 'במושכל ראשון' איז מיר שוין דער זאך קלאר געווארן.

און רבי מיכל האט אים ווייטער געזאגט: און פארוואס פארצייל איך דיר דאס אלעס? וויבאלד איך וויל דיר זאגן, אויף ווי ווייט איך בין מחויב צו דאנקען השם יתברך פארן מיר געבן די זכיה צו זיין מקושר צו צדיקים, ווייל אויב נישט דערפאר "וואספארא קלינג וואלט איך געווען". דאס מיינט, אז וויבאלד איך בין געווען אזא חריף וואלט איך באוואוסט געווארן אלץ איינער פון די גדולים, און נאר די צדיקים האבן מיר אויסגעלערנט די וועגן פון לעבן, אז איך זאל באהאלטן מיין חכמה, און זיך נישט בארימען דערמיט.

און ווירקליך אזוי האבן די צדיקים אין אלע דורות אויסגעלערנט זייערע תלמידים, אז אפילו ווער עס האט זוכה געווען צו א מעלה וואס אנדערע מענטשן האבן נישט, זאל מען אנהאלטן די מדה פון שפלות, און מען זאל וויסן און געדענקען אז דאס איז בלויז א מַתְּנַת חִנָּם פון השם יתברך, ווייל ער איז דער וואס געבט כח פארן מענטש צו זיין שטארק און מצליח זיין, אבער אינעם מהות פונעם מענטש איז נישטא קיין שום סיבה וואס צוליב איר זאל ער קענען זאגן אז זיין אייגענעם יחוס האט צוגעברענגט זיין מעלה.

אויך אין די פרשה פון די וואך איז מרומז אט דער ענין. אין די פרשה לערנען מיר וועגן די ארבעט אויפצושטעלן דער משכן, און די מענטשן וואס האבן עוסק געווען אין אט די מלאכה האבן זוכה געווען צו ספעציעלע חכמה און פארשטאנד צו וויסן וויאזוי צו טון יעדער זאך, און ווירקליך אין די פסוקים וואס רעדן וועגן זיי, ווערן זיי דערמאנט אלץ 'חכמי לב', אבער נאנט צו די ווערטער שטייט אין פסוק 'אֲשֶׁר נָתַן ה' חָכְמָה וּתְבוּנָה בָּהֵמָּה', צו ווייזן אז אויך די וואס זענען זוכה צו חכמה, קלוגשאפט, זאלן וויסן אז דאס איז נישט פון זיי זעלבסט, און זיי האבן איבערהויפט נישט מיט וואס זיך צו גרויסהאלטן, חס ושלום.

(עפ"י טיב התורה – ויקהל)

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

דער עולם איז געווארן היסטעריש. אט אט און דער באן דארף שוין אנקומען. מען האט נישט געוואוסט וואס צו טון. ווי אזוי שטעלט מען אפ דער באן ער זאל נישט איבערפארן דאס קינד. מען האט געוואלט אלארמירן די אינסטאנצן אז זיי זאלן אפשטעלן די באן.

אזוי טראכטנדיג וואס מען קען טון, האט א שווארצער גוי געגעבן א טאנץ אריין און ארויסגעשלעפט דער קינד פון די שינעס און געראטעוועט זיין לעבן, א רגע דערויף איז די באן געקומען צוגיין.

די עלטערן זייענדיג אויסערזיך פון דער גוי׳ס בראַוקייט זענען אריבערגעלאפן צו אים און זיך געוואלט באדאנקען פאר דער גוי, אבער דער גוי האט נישט געוואוסט וואס מ׳וויל פון אים.

„איר מיינט אז איך האב עס געטון ווייל איך האב געוואלט ראטעווען דאס קינד? איר לעבט אין א טעות! איך האב עס געטון ווייל איך האב זיך געיאגט צו די ארבעט. איך האב געוואוסט אז אויב דאס קינד וועט בלייבן ליגן צווישן די שינעס וועט דער באן זיך אפשטעלן און עס וועט זיך פארזוימען און כ׳וועל שפעטיגן צו די ארבעט“.

דער גוי האט אפגעזאגט זיינס און האט ממשיך געווען צו די ארבעט.

די מעשה איז א ווייטאגליכער ביישפיל. עס געט ארויס אין איר וויאזוי א מענטש קען זיין אזוי פארטיפט אין זיינע זאכן, אז אויך ווען ער ראטעוועט דורך איר א מענטש שפירט ער נישט אז עס קומט אים קרעדיט פאר דעם.

ליידער, קענען זיך אסאך פון אונז, טרעפן אין די זעלבע מצב. מען טוט מעשים טובים, גוטע זאכן, אבער די קאפ איז נישט דערביי. מען געדענקט נאר פון די אייגענע אינטערעסע, פון די אייגענע דאגות און נישט פון די עיקר, דער ציל פארוואס מען איז דא אויף די וועלט.

דורך די מעשי המשכן ווען מיר זיך דערוועקן צו טון דער רצון ה׳ און געדענקען אז וואס מ׳טוט זאל זיין מיט הארץ, מיט מח, אינזינען האבן פארוואס מען טוט עס און אזוי ארום וועט מען אנקומען צום עיקר.

נאך א בחינה וואס מ׳לערנט ארויס פון די מעשי המשכן און איז א לימוד פאר אונז, איז די מדה פון זיין געטריי צו הקב״ה, אויך ווען די געטרייִשאפט זעט אויס פארקערט ווי אונזערע געפילן.

די תוה״ק דערציילט איבער די געטריישאפט וואס כלל ישראל האט געהאט ביי די מעשי המשכן, אז יעדער איינער האט זיך אנגעשטרענגט און געברענגט א מתנה פאר די משכן. יעדער איד האט אויסגעוועלט ביי זיך אין שטוב דאס בעסטע חפץ וואס ער האט אין שטוב און עס געברענגט אין משכן אבער אין די רגע וואס הקב״ה האט געהייסן אז מען זאל אויפהערן ברענגען האט זיך געגעבן א שטעל אפ, אפילו אז מען האט ווייטער געוואלט ברענגען.

אויף די דרגה האט דער זעלבער מקור ווי די אויבענדערמאנטע נקודה, ווען א איד טוט אלעס לשם ה׳, איז ער מבטל זיין אייגענע רצונות און טוט אלעס לשם ה׳ ארויסווייזנדיג געטרייִשאפט צו הקב״ה, אז ער טוט אלעס וועגן אים, און אויב ער וויל אז מ׳זאל נישט ברענגען - ברענגט ער נישט.

די וואך איז געווען די יארצייט פון דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך זי״ע. ביי די חסידים איז מקובל אז ווען די צוויי ברידער זענען געגאנגען גלות ליידן האט זיך אמאל געמאכט אז זיי זענען אנגעקומען צו אַן אכסניא. זייענדיג דארט ביי די אכסניא איז גע׳גנב׳ט געווארן פון דער בעל הבית א טייערער בעכער.

דער בעל האכסניא האט חושד געווען די ברידער און זיי פאר׳מסר׳ט ביי די פאליציי. דער ריכטער האט איינגעשפּארט די צוויי הייליגע ברידער און זיי ארויסגעלאזט נאך דעם וואס עס האט זיך אויפגעוויזן אז נישט זיי זענען געווען שולדיג.

עס ווערט דערציילט אז זייענדיג אין טורמע האט איינער פון די ארעסטאנטן איינגעזאמלט נעבן זיין בעט אפפאל און שמוץ. די ריח איז געווען אזוי שווער אז הלכה׳דיג האט מען נישט געטארט ארויסזאגן דארט א דבר שבקדושה.

ווען דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך האט דאס געזען איז ער געווארן דערציטערט זעענדיג אז ער וועט נישט קענען דא דינען השי״ת, אבער זיין ברודער האט אים געשטארקט זאגנדיג אז דער זעלבער באשעפער וואס האט אים געהייסן יא דינען השי״ת - האט אים יעצט געהייסן נישט צו דינען, און אויף יעדן פאל זענען מיר מקיים רצון הבורא, און אז מ׳האט די זכיה צו מקיים זיין רצון ה׳ דארף מען זיין בשמחה.

די צוויי ברידער האבן זיך געשטארקט און האבן ממשיך געווען צו זיין בשמחה, ווייל יעצט איז דאס דער רצון ה׳.

עס איז א הויכע מדריגה, אבער דער פונדאמענט פון די דרגה איז דער לעבן מיט רצון ה׳, צו זיין אייביג בטל פאר הקב״ה. אז מען געוואוינט זיך איין צו לעבן אזוי, קען מען ענדע אנקומען צו א מציאות אז אויב מ׳טרעפט זיך אין א מצב אז עס זעט אויס פארקערט ווי די אייגענע רצון - פארלירט מען זיך נישט, נאר מ׳בלייבט קלאר ביי זיך אז דאס איז דער רצון ה׳ און יעצט וויל הקב״ה אז מ׳זאל עס מקיים זיין אין אזא וועג.

זאל הקב״ה געבן אז מ׳זאל אייביג קענען מקיים זיין אלע אונזערע מעשים לשם שמים און דערגרייכן די דרגה פון ׳בטל רצונוך מפני רצונו׳ און ווערן אמת׳ע יראי ה׳. בשלימות.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

## כי רופא חינם אתה

נאך א שטיק צייט וואס מיין טאכטער האט זיך באקלאגט אז זי שפירט זיך נישט גוט, האב איך אנגעהויבן מאכן טעסטן צוזען וואס עס שטייט דערונטער פון די באקלאגענישן. מען איז נאכגעגאנגען די זאך און אנטדעקט אז מען דארף איר אפערירן אויף אן ערנסטן וועג.

א טאטע וויל דאך דאס בעסטע פאר זיין קינד. מיר האבן זיך אנגעהויבן נאכפרעגן ביי די גרעסטע פראפעסארן און אויך ביי די עסקנים. הערנדיג פון וואס עס רעדט זיך האבן אלע אנגעוויזן אויף איין ספעציפישער דאקטאר אז ער איז פאסיג פאר די דזשאב.

מיר האבן זיך פארבינדן מיט דעם דאקטאר, אבער ער האט געבעטן געפעפערטע פרייזן וואס מיר זענען נישט געווען אימשטאנד צו צאלן.

הערנדיג פון וואספארא געלטער מען רעדט דא, בין איך געווארן פארצווייפלט. איך האב דאך נישט אזעלכע גרויסע געלטער צו צאלן. איך האב געטראכט צו מיר אז כ׳דארף זיך מחזק זיין אין אמונה, אבער פון טראכטן וועגן אמונה ביז צו זיין א בעל אמונה, דארף מען הארעווען.

איך האב זיך געשטארקט אז עס וועט זיין גוט, און אזוי בין איך געגאנגען צו די דאקטאר.

דער דאקטאר האט מיר אויפגענומען אין די שפעטע נאכמיטאג שעה׳ן. ער האט אויסגעזען זייער מיד, ערשעפט.

וואס ווילן די פרומע אידן פון מיר? האט ער זיך אנגערופן צו מיר.

איך האב אים דערציילט איבער מיין קעיס, איבער וואס מיין טאכטער מוטשעט זיך.

הערנדיג דאס האט ער מיר א פרעג געגעבן צו וועלכע קליניק איך געהער? הערנדיג צו וועלכע קאסע איך געהער, האט מיר געזאגט אז ער האט דארט דריי תלמידים און אנגעוויזן צו גיין צו איינעם וועמען די אינשורענס דעקט, אן וואס מ׳זאל דארפן צולייגן זייטיגע געלטער.

„צי זענען זיי אזעלכע גוטע דאקטוירים ווי דו“?

דער דאקטאר האט זיך געגעבן א רעג אויף.

„דו מיינסט אז איך מאך די אפעראציע? דער רבוש“ע מאכט אלעס“.

זיינע ווערטער האבן מיר גוט געציפט, איך בין א פרומער איד, ער איז געזעסן דארט אין בלויזן קאָפּ און ער זאל רעדן אזעלכע ווערטער?

איך האב זיך געשטארקט אין די אמונה, מען האט געמאכט די אפעראציע, עס האט מיר נישט געקאסט קיין געלט און ברוך ה׳ אז די אפעראציע האט שטארק מצליח געווען און מיין קינד האט זיך ערהוילט ברוך ה׳.

[געשריבן דורך דער בעל המעשה: י.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר׳ שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# מְסִירוּת נֶפֶשׁ

**"וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל אֶת הָאָרֹן עֲצֵי שִׁטִּים" (לז, א).**
**זאגט רש"י: "וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל. לְפִי שֶׁנָּתַן נַפְשׁוֹ עַל הַמְּלָאכָה יוֹתֵר מִשְּׁאָר חֲכָמִים נִקְרֵאת עַל שְׁמוֹ".**

פאר רש"י ז"ל איז שווער געווען, אז אייגנטליך האבן דאך אויך די אנדערע חכמים עוסק געווען אין די ארבעט פון מאכן דער ארון, אויב אזוי פארוואס זאגט דער פסוק "וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל", און די ארבעט ווערט נאר גערופן אויף זיין נאמען. – און דערויף ענטפערט רש"י און געבט דער טעם דערצו, זאגנדיג "לְפִי שֶׁנָּתַן נַפְשׁוֹ עַל הַמְּלָאכָה יוֹתֵר מִשְּׁאָר חֲכָמִים, נִקְרֵאת עַל שְׁמוֹ".

און אין **מדרש תנחומא** (שופטים סי' ה) שטייט: "שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים מָסַר מֹשֶׁה נַפְשׁוֹ עֲלֵיהֶן, וְנִקְרְאוּ עַל שְׁמוֹ. נָתַן נַפְשׁוֹ עַל הַתּוֹרָה, שֶׁנֶּאֱמַר (שמות לד, כח) וַיְהִי שָׁם עִם ה' אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה. וְנִקְרֵאת עַל שְׁמוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (מלאכי ג, כב) זִכְרוּ תּוֹרַת מֹשֶׁה עַבְדִּי. נָתַן נַפְשׁוֹ עַל יִשְׂרָאֵל, שֶׁנֶּאֱמַר (שמות לב, לב) וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וגו'. וְנִקְרְאוּ עַל שְׁמוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר (שם ז) לֶךְ רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ. נָתַן נַפְשׁוֹ עַל הַדַּיָּנִין וְנִקְרְאוּ עַל שְׁמוֹ וכו'".

פון דא לערנען מיר ארויס, אז דער וואס איז זיך מוסר נפש אויף א זאך, ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען. און פון דא זעען מיר וויאזוי מען איז מדקדק פון הימל אויף יעדער זאך כַּחוּט הַשַּׂעֲרָה, ווייל די עבודה פונעם מענטש ווערט נישט געשאצט לויט די שעות ווילאנג ער האט עס געטון, און אויך נישט לויט וויפיל חכמה ער האט אריינגעלייגט אין דעם. נאר, דער וואס איז זיך מער מוסר נפש דערויף, און ער לייגט אריין זיין גאנצן מציאות, און אינוועסטירט זיין גאנצער זעל און זיין גאנצער רצון אין דעם, ווערט עס אנגערופן אויף זיין נאמען.

אסאך מאל גייט א מענטש אריין אין די טיפקייט פון א פארוויקלטע סוגיא, אדער אריין אין א געוויסע מצוה מער ווי זיינע אנדערע חברים. – און כאטש אלע בני החבורה זענען עוסק אין דעם צוזאמען, פונדעסטוועגן וויבאלד ער לייגט זיך אריין אין דעם מער ווי זיי אלע, און ער איז זיך מוסר נפש דערויף מער ווי אלע אנדערע, איז ער זוכה אז עס זאל ווערן אנגערופן אויף זיין נאמען.

דעריבער זאל זיך א מענטש משתדל זיין ביי יעדער דבר שבקדושה, אז ער זאל עס טון מיט מער מסירות נפש, און נישט נאר מיט אן אויסערליכע עֲשִׂיָּה, בלויז כדי יוצא צו זיין. און דאס איז געזאגט געווארן סיי ביי לימוד התורה און סיי וועגן דאווענען, און אויך אנבאלאנגט טון מצוות – שטענדיג זאל א מענטש משתדל זיין אריינצולייגן דאס מאקסימום וואס ער איז בכח, און ער זאל זיך מוסר נפש זיין און אינוועסטירן אלע זיינע כוחות, און דורכדעם וועט ער זוכה זיין אז די מצוה זאל ווערן אנגערופן אויף זיין נאמען.

***

**דער הייליגער בעל שם טוב, רבינו ישראל זכותו יגן עלינו,** האט אמאל באגעגנט א גרופע משומדים וועלכע האבן זיך ליידער גע'שמד'ט רחמנא ליצלן, און ער האט געפרעגט יעדן איינעם פון זיי, אז ער זאל אים ערקלערן די סיבה וואס האט אים צוגעברענגט צו אט דעם שרעקליכן שריט.

איז איינער פון זיי האט זיך פארענטפערט אז ער איז געווארן נאכגעשלעפט נאך שלעכטע חברים. אן אנדערער האט ערקלערט אז ער איז געווען א גרויסער ארימאן, און דער גלח האט אים צוגעזאגט אז ער וועט אים געבן אסאך געלט, און דער דריטער האט געגעבן צו פארשטיין אז ער האט נישט געקענטביישטיין דעם נסיון פון די תאוות וואס דער יצר הרע שטעלט אים צו אלעמאל.

אבער איינער פון די גרופע האט גע'טענה'ט מיט שטארקייט, אז די תורה האט פשוט נישט געפינען חן אין זיינע אויגן, עפרא לפומייהו...

ווי נאר ער האט דאס געזאגט, האבן זיך זיינע חברים די משומדים ארויפגעווארפן אויף אים, און האבן אים זייער שטארק צושלאגן, דערפאר וואס ער הענגט אן דעם זלזול אין די הייליגע תורה, אנשטאט אנצוהענגען דעם חסרון אין זיך זעלבסט...

ווען דער הייליגער בעל שם טוב האט דאס געזען, איז ער געווארן זייער צופלאמט, ערקלערנדיג אז דא זעט מען קלאר דאס וואס אונזערע הייליגע **חז"ל** זאגן (סנהדרין מד.): "אַף עַל פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא", וויבאלד עס האט זיך צופלאקערט אין זיי דעם פונק פון **מסירות נפש**, וויבאלד זיי האבן זיך אנגעצינדן און זיך קעגנגעשטעלט בלב ונפש קעגן דער זלזול אין די הייליגע תורה. [ווי עס זעט אויס, האט זיך אנגעצינדן אין זיי דעם הייליגן פונק, דורכדעם וואס זיי האבן געזען דעם הייליגן געזיכט פון דער הייליגער בעל שם טוב, זכותו יגן עלינו].

[אזוי ווי מיר געפינען אין די גמרא אינעם דריטן פרק פון מסכת **ברכות** (כ.) אז די קַמָּאֵי, די פריערדיגע דורות, האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, און די גמרא ברענגט דער ביישפיל פון קידוש השם אין די פריערדיגע דורות, און די גמרא דערציילט אז **רב אדא בר אהבה** האט געזען א נישט־אידישע פרוי אין גאס, וועלכע איז געווען אנגעטון מיט א רויטן מלבוש, און וויבאלד ער האט געמיינט אז זי איז א אידישע טאכטער, און עס איז דאך נישט די שטייגער פון אידישע טעכטער צו גיין מיט אזא סארט חשוב'ע מלבוש, וויבאלד דאס טראגט מיט זיך אן אויסגעלאסנקייט, איז ער אויפגעשטאנען מיט מסירות נפש און האט עס אראפגעריסן פון איר, און ווען ער האט אויסגעפינען אז זי איז נישט קיין איד, האט ער איר געדארפט באצאלן פיר הונדערט זוז אלץ אנטשעדיגונג. און אט די מעשה איז דער ביישפיל וואס די גמרא ברענגט, כדי צו ערקלערן דער ענין פון מסירות נפש].

אויך האט דער הייליגער בעל שם טוב געזאגט, אז דא זעען מיר דאס וואס עס שטייט אין פסוק (ויקרא טז, טז) "הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם" [זע יומא נו:], אז אפילו אט די משומדים רחמנא ליצלן האבן נישט געוואלט הערן קיין שום זלזול און חסרון אויף די תורה הקדושה ח"ו.

***

אין די הקדמה פונעם ספר **נפש החיים** שרייבט דער זון פון **רבי חיים וואלאזשינער, דער מהרי"ץ זצ"ל,** אז כל ימי חייו פון זיין הייליגער טאטע האט ער זיך שטענדיג מוסר נפש געווען פאר אידנ'ס וועגן, און ער האט געגעבן און משפיע געווען אלעס וואס ער האט פארמאגט – פארן כלל. און אזוי פלעגט ער אים מוסר'ן און עס פאדערן פון אים אלעמאל. און אזוי שרייבט ער דארט אין זיין הקדמה:

"בְּכָל דְּרָכָיו הָיָה מְמַעֵט כְּבוֹד עַצְמוֹ לְהַרְבּוֹת כְּבוֹד שָׁמַיִם, הֵן בְּמִילֵּי דְצִבּוּרָא, בִּפְרָט בְּעִנְיְנֵי הַכְּלָל, **מוּדַעַת שֶׁהִשְׁלִיךְ נַפְשׁוֹ מִנֶּגֶד, וְעָסַק הַרְבֵּה יוֹתֵר עַל כְּדֵי כֹּחוֹ. וְאַף כִּי זָקֵן הָיָה, הָיוּ יָדָיו אֱמוּנָה עַד בֹּא הַשָּׁמֶשׁ.** וְאַף כִּכְלוֹת כֹּחַ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, גַּם עַל מִשְׁכָּבוֹ בְּחָלְיוֹ, רַעְיוֹנָיו סְלִיקוּ וְעֵינָיו הָיוּ נְשׂוּאוֹת הַשָּׁמַיְמָה, לְשַׁתֵּף שֵׁם שָׁמַיִם בְּצַעֲרָא דְּהַכְּלָל וְהַפְּרָט בִּגְנוּחֵי וַאֲנָחוֹת בְּשִׁבְרוֹן מָתְנַיִם, וְאַנְחוֹתָיו הָרַבּוֹת בָּזֶה הָיוּ שׁוֹבְרוֹת כָּל גּוּף הַשּׁוֹמֵעַ. – וְהָיָה רָגִיל לְהוֹכִיחַ אוֹתִי, עַל שֶׁרָאָה שֶׁאֵינֶנִּי מִשְׁתַּתֵּף בְּצַעֲרָא דַּאֲחֵרִינָא. וְכֹה הָיָה דְּבָרוֹ אֵלַי תָּמִיד: שֶׁזֶּה כָּל הָאָדָם, לֹא לְעַצְמוֹ נִבְרָא, רַק לְהוֹעִיל לַאֲחֵרִינֵי כְּכֹל אֲשֶׁר יִמָּצֵא בְּכֹחוֹ לַעֲשׂוֹת", ביז דא האבן מיר געברענגט דעם לשון פונעם מהרי"ץ אין די הקדמה פונעם נפש החיים.

פון דא זעען מיר, אז דאס איז דער גאנצער תכלית פון דאס באשאפן דעם מענטש, "לֹא לְעַצְמוֹ", נישט אז ער זאל לעבן פאר זיך אליין, "רַק לְהוֹעִיל לַאֲחֵרִינֵי כְּכֹל אֲשֶׁר יִמָּצֵא בְּכֹחוֹ לַעֲשׂוֹת", נאר אויפצוטון פאר אנדערע מיט אלעס וואס עס איז אין זיין כח צו טון. און די ווערטער זענען וואונדערליך.

אין א געלעגנהייט, ווען איך האב געוויזן אט דער פארכטיגער שטיקל צו מיין מחותן, **הגאון רבי זונדל קרויזער זצוק"ל** בעל **אור החמה**, האב איך אים געפרעגט: ווי קומט עס אזא שטיקל צו דער ליטווישער וועלט, אינדערצייט וואס עס איז פול מיטן ליבטיגקייט פון חסידות, פונעם תכלית פון בִּטּוּל הַיֵּשׁ עֲלֵי אֲדָמוֹת ביז צו מסירות נפש. און ענדערש וואלט געשטימט אז ער זאל זאגן אז דער עיקר תכלית פונעם מענטש איז מיטן לערנען די הייליגע תורה, און דא זעט מען אז דער עיקר פונעם לעבן איז מיט מסירות נפש פאר די טובה פון אידישע קינדער.

האט מיר רבי זונדל געענטפערט דערויף מיט זיין געוואלדיגע פקחות און חֵן: אוודאי איז דאס די תכלית הבריאה, ווייל אויב וואלט די תכלית נאר געווען פאר די תורה זעלבסט, איז פארוואס זענען מיר באשאפן געווארן צווישן מענטשן, אינדערצייט וואס מיר וואלט געדארפט באשאפן ווערן צווישן מלאכים...

***

איינער פון די תלמידים פון דער **הייליגער בעל שם טוב זי"ע,** האט שטענדיג מתפלל געווען און געבעטן פון השם יתברך אז ער זאל אים צונעמען פון אט דער מגושמ'דיגער וועלט, וואס ער קען עס נישט אויסהאלטן, ווייל זיין יראת חטא איז געווען זייער גרויס, און ער האט מורא געהאט טאמער ער וועט קאליע ווערן אינעם גשמיות'דיגער עולם הזה.

און דערויף איז ער גרייט געווען זיך צו מוסר נפש זיין, און צו שטארבן יונגערהייט. און ער האט אלעמאל געזאגט אז עס איז אים בעסער צו שטארבן, ווי איידער צו לעבן מיט טון עבירות חלילה. [און עס איז איבעריג צו באצייכענען, אז מיר האבן נישט קיין שום השגה אין די מדריגות פון די הייליגע תלמידי הבעל שם טוב און אין זייערע הייליגע פירונגען].

און די תפילה פון אט דער תלמיד איז טאקע אנגענומען געווארן, און ער איז אוועקגעגאנגען פון דער וועלט בקיצור ימים, לא עלינו, זייענדיג ריין פון זינד.

**און אגב אורחא לערנען מיר ארויס פון דא – אויסער דער ענין פון מסירות נפש מיטן זיך היטן פון אן עבירה – זעען מיר אויך וואס דאס הייסט 'יראת שמים', ווי עס איז געווען אזוי איינגעווארצלט ביי אים, אויף אזוי ווייט אז צוליב זיין גרויס שרעק און פארכט טאמער וועלן זיינע מעשים חלילה ווערן נישט גוט, אזוי ווי ער האט געזען אז דער וועלט ווערט קאליע, האט ער זיך געבעטן און האט מתפלל געווען אז ער זאל שטארבן יונגערהייט, וואס דאס איז דאך ממש א שרעקליכער זאך.**

***

**דער רבי ר' העשיל זצוק"ל**, וועלכער איז געווען דער רבי פון דער **ש"ך** און דער **ט"ז**, איז באוואוסט געווען מיט זיין געוואלדיגע גאונות, און מיט זיין זעלטענע שקדנות און התמדה, אויסנוצנדיג יעדער רגע אין זיין לעבן, ווען עס איז נאר געווען מעגליך, זיך צו אפגעבן מיטן עוסק זיין אין די הייליגע תורה.

ער האט געלעבט און פארשפרייט תורה און קדושה אין די יארן פון **ת"ח ות"ט**, אינדערצייט פון די

שוידערליכע און שרעקליכע גזירות וואס זענען אויסגעגאסן געווארן איבער די הייליגע אידישע קהילות אין יענע תקופה, און איבער וועלכע עס זענען נתחבר געווארן פילע קינות איבער די מורא'דיגע צרות, כידוע.

איז דער רבי ר' העשיל געזעצן און זיך פארטיפט אין גאר א שווערע און ברייטע סוגיא, זיך פארהוילנדיג פון אלע שווערע שרעק און זארג וואס האט געשוועבט איבער די קעפ פונעם הייליגן פאלק. - און אט זענען די בייזוויליגע רשעים, ימח שמם, אנגעקומען דארט אין געגנט. די שרעקליכע בשורה האט זיך שנעל צושפרייט, ווי פייל פון בויגן, לאזנדיג וויסן אז זיי גאלאפירן שוין אין ריכטונג פונעם שטאט, מיט א שרעקליכן צארן פון רציחה... יעדער האט גוט געוואוסט פארוואס זיי קומען, און וואס זיי טוען צו די אידן אין יעדע שטאט.

דער רבי ר' העשיל האט זיך צוגעאיילט, און שנעל געלאזט רופן זיין קוטשער [בעל עגלה] מיט זיין פערד און וואגן, ארויפגייענדיג צוזאמען מיט זיין גאנצע משפחה און דאס ביסל האב און גוטס וואס מען האט נאך געקענט ראטעווען, און זיי האבן זיך שנעל ארויסגעלאזט אין וועג, אנטלויפנדיג פון די שלעכטע רשעים, בעטנדיג דעם בעל עגלה אז ער זאל שמייסן די פערד צו אנטלויפן ווי שנעלער פון די בלוטיגע נעגל פון די רוצחים, וואס האבן שוין גענומען שפאנען אויף די גאסן פון שטאט.

יעדער איז געווען דערשראקן און צוטומלט, כמעט היסטעריש, אבער דער רבי ר' העשיל זעלבסט איז רואיג ארויפגעגאנגען אויפן וואגן מיט זיין אפענער ספר אין האנט. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פלאץ, און תיכף האט ער ווייטער געלערנט דארט וואו ער האט געהאלטן, פונקט ווי ער וואלט יעצט געזעצן אויף זיין פלאץ אין בית המדרש, מיט די פולסטע רואיגקייט, אן קיין שום שטערונג...

פלוצלונג, אזוי אינמיטן אנטלויפן מיט א שנעלן גאלאפ, האבן זיי באמערקט ווי א איד יאגט נאך זייער וואגן לויפנדיג זייער שנעל, און זיי האבן אנגעהויבן פארן אביסל שטאטער, כדי צו הערן וואס דער איד וויל זיי זאגן. - ווען ער איז אנגעקומען נענטער צו זיי, האבן זיי געזען אז דאס איז געווען נישט קיין אנדערער ווי דער געטרייער און באליבטער תלמיד פון דער רבי ר' העשיל, דאס איז **דער הייליגער ש"ך זצוק"ל**. ער האט דעמאלטס גענדיגט אויסשטעלן א פסק הלכה, איבער א פארוויקלטע שאלה, וואס מען האט געדארפט וויכטיג פסק'נען דערויף הלכה למעשה, און ער איז געקומען בעטן פון זיין רבי א הסכמה איבער דעם פסק הדין וואס ער האט אראפגעלייגט איבער די שאלה.

אבער ווען ער איז אנגעקומען צום הויז פונעם רב, האט ער געזען אז דער רב'ס וואגן האט זיך שוין ארויסגעלאזט אין וועג, אנטלויפנדיג צוליב דעם שרעקליכן סכנה וואס האט געלויערט איבער אידישע קינדער. - האט דער הייליגער ש"ך זיך נישט פארזוימט אפילו פאר א רגע, און ער האט געטראכט צו זיך: אמת טאקע אז דער רב דארף אנטלויפן און זיך ראטעווען זיין קערפער, אבער איך דארף יעצט צוקומען צו זיין תורה, וואס געפינט זיך מיט אים שטענדיג, אין יעדן פלאץ וואו ער געפינט זיך נאר. דעריבער, וואס גייט מיר דען אָן, אז ער געפינט זיך יעצט אויף א נסיעה אונטערוועגנס, "תּוֹרָה הִיא וְלִלְמֹד אֲנִי צָרִיךְ"! אויך ווען מען האלט אינמיטן פארן קען מען געבן א צושטימונג אויף א תורה'דיגער פסק און אויף די טיפקייט פון הלכה... און דעריבער האט דער הייליגער ש"ך גלייך אנגעהויבן נאכלויפן דעם וואגן, ביז ער האט זיי דערגרייכט, אנטלויפנדיג אונטערוועגנס.

איז דער הייליגער ש"ך צוגעגאנגען צו זיין הייליגן רבי'ן באימה וביראה, און האט אים דערלאנגט אינעם וואגן די בלעטער וואס ער האט געשריבן און ארויסגעגעבן דער פסק הלכה אינעם ענין, און געבעטן אז ער זאל ערקלערן זיין דעת תורה אין אט די הלכה'דיגע שאלה.

מיט פרייד און מיט א ליכטיג געזיכט, האט דער הייליגער רבי ר' העשיל צוגעשטימט, און האט איבערגענומען די בלעטער פון זיין באליבטן תלמיד, ער האט אבער נישט געקענט זיך אפשטעלן ביז דער רבי וועט קענען דורכליינען דעם גאנצן קונטרס, ווייבאלד מען האט געדארפט ווייטער אנטלויפן איידער די באוואפנטע רויבער דערגרייכן זיי חלילה. - פון די אנדערע זייט, האט מען אויך נישט געקענט ארויפברענגען דעם הייליגן ש"ך אויפן וואגן מיטצופארן מיט זיי, ווייבאלד עס איז פול געווען אינגאנצן, מיט אלע משפחה מיטגלידער פונעם הייליגן רבי'ן ר' העשיל, מיט זייערע פעקלעך.

ווען דער הייליגער ש"ך האט געזען און פארשטאנען דעם מצב, האט ער געזאגט צו זיין רבי'ן, אז עס פעלט נישט אויס אז מען זאל זיך אויפהאלטן און פארזוימען צוליב אים... זאלן זיי ווייטער פארן, און דער רבי וועט דערווייל דורכלערנען זיינע ווערטער, און ער וועט זיי נאכלויפן צופיס...

איז דער וואגן אזוי ווייטער געלאפן, און דער הייליגער ש"ך יאגט עס נאך צופיס, ווען דורכאויס די גאנצע צייט איז דער הייליגער רבי ר' העשיל געזעצן בחרדת קודש און מיטן פולן קאנצענטרירונג, אינעם וואגן וואס איילט זיך צוליב די שרעקליכע סכנה, און ער לייגט אריין זיין גאנצן כח און מח אין די ווערטער פון זיין געהויבענעם תלמיד.

ווען ער האט געענדיגט דורכלערנען דעם גאנצן לאנגן תשובה, האט ער צוריקגעגעבן די בלעטער צו זיין הייליגער תלמיד, דער ש"ך, וועלכער איז דער גאנצער צייט נאכגעלאפן דעם וואגן צופיס, אויסרופנדיג מיט התפעלות אז דער פסק איז אמת און ריכטיג, און ער איז מסכים מיט אים, אויסער איינציגע באמערקונגען וואס ער האט צו זאגן אין דעם ענין און אין יענעם ענין...

ווען דער הייליגער ש"ך האט צוריקבאקומען זיין טייערער קונטרס, מיט די פלאמעדיגע הסכמה פון זיין רבי'ן, איז ער שנעל צוריקגעלאפן אין ריכטונג פונעם שטאט, און האט שנעל געשפאנט איבער די אלע קילאמעטערס וואס ער האט איינגעשלינגען נאכלויפנדיג דעם רב... ער איז שנעל אנגעקומען ביי אים אינדערהיים, כדי צו ראטעווען אינעם סאמע לעצטע מינוט אלעס וואס מען האט נאך געקענט ראטעווען, און ממש בניסי ניסים איז זיין לעבן געראטעוועט געווארן לטובה ולברכה.

**לאמיר זיך פאָרשטעלן וואס דאס מיינט "מסירות נפש"! ווי דער הייליגער רבי ר' העשיל פארט און אנטלויפט ממש אונטער א סכנה פון טויט, און טראצדעם האט ער דעם פולן ישוב הדעת און דאס גאנצע מנוחת הנפש צו קענען דורכלערנען דעם גאנצן תשובה אזוי אויפן וועג בשעת'ן אנטלויפן, און אויך ענטפערן דערויף... און דער הייליגער ש"ך פון זיין זייט, איז זיך אינגאנצן מוסר נפש און טראכט בכלל נישט פון זיך זעלבסט, כדי צו באקומען דעם מיינונג פון זיין רבי אינעם דבר הלכה... אזוי ווי די גאנצע שרעקליכע סכנה האט גארנישט צו טון מיט זיי... און נאר די הלכה וואס מען טוט יעצט קלארמאכן, דאס איז אלעס וואס גייט זיי יעצט אן אין לעבן! - ווייל די תורה הקדושה איז טאקע געווען זייער גאנצע לעבן, וואס פון איר האבן זיי געשעפט זייער גאנצע חיות, און האבן ווירקליך געלעבט דער נוסח הברכה: "וְנָתַן לָנוּ תּוֹרַת אֱמֶת וְחַיֵּי עוֹלָם נָטַע בְּתוֹכֵנוּ"!!!**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!